# תורת יואל

גליון מס' 11

אידיש

מיוחד פאר פרחי התלמידים זיך צו באקענען מיטן רבי'נס הייליגע דיבורים

פרשת תולדות תשפ"ה

## ויעתר יצחק לד' לנכח אשתו... ויעתר לו ד' (כה. כא)

רש"י: לו ולא לה שאין דומה תפלת צדיק בן רשע לתפלת צדיק בן צדיק.

טייטש: עס איז נישט גלייך א תפלה פון א זוהן פון א צדיק - יצחק איז א זוהן פון אברהם אבינו - זיין תפלה איז חשוב'ער פון רבקה וואס איז א טאכטער פון בתוא-ל.

פרעגט דער רבי א געוואלדיגע קשי', אפשר איז די סיבה ווייל א פרוי איז נישט מצווה מיט די מצוה פון פרי' ורבי', א מאנספערזאן איז דאך יא מצווה, במילא האט דער באשעפער צוגעהערט צו יצחק ווי איידער צו רבקה.

אויך איז דער רבי מדייק, רש"י דארף ווען שרייבן אינו דומה תפלת צדיק בן צדיק לתפלת <u>**צדיקת בת רשע**</u>.

אין די פריעדיגע פרשיות זעהן מיר פון די פסוקים, אז יצחק איז געבוירען בזכות שרה אמנו, ווי עס שטייט אין פסוק **והנה בן <u>לשרה</u> אשתך**, אדער ווי עס שטייט שפעטער **<u>ולשרה בן</u>**, די תורה איז תולה לידת יצחק בזכות שרה אמנו, טייטש: יצחק איז געבוירען בזכות די תפלות פון שרה אמנו

פרעגט דער רבי - א דריטע קשי' - שרה איז אויך געווען א בת רשע - א טאכטער פון הרן - אויב אזוי פארוואס איז שרה אמנו תפלה יא אנגענומען געווארן אפי' זי איז נישט א בת צדיק, און רבקה אמנו תפלה נישט?

רש"י ענדיגט צו, **לפיכך לו ולא לה**, וואס וויל רש"י ארוסברענגען מיט איבערזאגן די זעלבע ווערטער ווי פריער

דער רבי לערנט אריין גאר א נייע פשט אין רש"י, און פארענטפערט אלע קשיות.

בהקדם, די סיבה פארוואס שרה'ס תפילה איז געווארן אנגענומען איז ווייל אברהם אבינו איז אויך געווען א בן רשע, במילא האט השי"ת געדארפט מצרף זיין שרה'ס תפילה מיט אברהם אבינו, אינאיינעם האבן זיי געפועלט א ישועה, משא"כ יצחק איז געווען א צדיק בן צדיק, זיין <u>תפילה אליינס</u> האט געפועלט א ישועה.

פשט אין רש"י איז ווי פאלגענדונג, אינו דומה תפלת צדיק בן צדיק - יצחק אבינו - לתפלת צדיק בן רשע -- אברהם אבינו - רש"י רעדט פון <u>אברהם און יצחק</u> און דערציילט אז <u>יצחק'ס תפילה אליינס</u> איז געווארן אנגענומען,

ווייל ער איז געווען א צדיק בן צדיק, ווידעראום אברהם אבינו וואס איז געווען א בן רשע, האט השי"ת געמוזט מצרף זיין די תפלה פון שרה אמנו.

מיט דעם אויפטוה, איז זייער פארשטענדליך די ווערטער אין רש"י, פארוואס שטייט: <u>בן רשע</u> און נישט בת רשע, ווייל רש"י רעדט פון אברהם און יצחק, נישט פון רבקה אמנו, היצטערט זענען די ווערטער פון רש"י זעהר מדיוק.

און ווי אויך סיי אברהם און סיי יצחק זענען מצווה מיט פרי' ורבי', במילא קען נישט זיין אז דאס איז דער טעם פאר מקבל זיין יצחק'ס תפלה.

און מיט די בחינה איז אויך פארשטעדליך די סיום פון רש"י, **לפיכך לו ולא לה**, דא רעדט רש"י פון רבקה אמנו, אז יצחק אבינו האט נישט געדארפט צו קומען צו רבקה'ס זכות, ווייל יצחק איז געווען א צדיק בן צדיק, און זיינע אייגענע תפלה אליינס האט געפויעלט א ישועה. אמן

(ב' דסוכות תשכ"ב)

## מעשה: תורת אמת

די מדת האמת איז געווען ביים רבין זייער שטארק, און זיך נישט אוועקגעריגט פונעם אמת און סיי וועלכע צייט און מצב.

האט פארציילט דער גאון הר"ר מרדכי דאווידאוויטש ז"ל, (רב במושב בית מאיר - ירושלים, נפטר תשל"ג) איינמאל ביים פארלערנען אין ירושלים - תש"ז - האט ער זיך מתווכח געווען מיטן רבין אין א תוספות, דער רבי האט נישט מסכים געווען צו זיין פשט, אבער ער האט נישט נאכגעלאזט, נאך א לענגערע צייט האט דער רבי מתוך ריתחא דאורייתא אים געהייסן פארלאזן דעם שיעור.

נאך עטליכע טעג - צוויי פארטאגס - דער רבי קלאפט אין טיר, אין ר' מרדכי קומט ארויס אינגאנצען דערשראקן, אין דער רבי זאגט אים **<u>מרדכי ביזט גערעכט</u>**.

וויפיל מידת האמת ליגט אין אזא מעשה, דער רבי האט זיך נישט אפגעהאלטן פון מודה זיין על האמת אפי' פאר א יונגן תלמיד, דער אמת האט אין אים אזוי געברענט, אז אינמיטן נאכט האט ער געמוזט מתקן זיין א טעות, און גיין מפייס זיין

א ענליכע מעשה, האט פארציילט הרב ר' יוסף חיים שיינפעלד זצ"ל (כ"ק אדמו"ר אור מלא - קאסאן) וואס האט נאך די קריג געלערנט אין די נייטרא ישיבה תחת דגלו פון הגאון ר' מיכאל בער ווייסמאנדעל זצ"ל.

רביה"ק האט געוויילט אין די נייטרא ישיבה אין סאמערוויל, פון נאך פסח תש"ז ביז נאך שבועות, הרב יוסף חיים איז געווען א יונגער בחור און האט אסאך געשמועסט אין לערנען מיטן רבין.

שבועות נאכן קרעפל פשעטל שטייענדיג נעבן רבין, דער רבי געט אים א פרעג: <u>יוסף חיים וואס זאגסטו צום פשעטל</u>? פארציילט ער אז ילדות היתה בי, אין זיך געוואגט צו זאגן א הערה, אז עס שטימט נישט מיט א תוספות, דער רבי זאגט תיכף ומיד, הָא: דו מיינסט אוודאי דעם תוספות אין חולין, איך האב עס אינזין געהאט, און די ביזט גערעכט.

**זכותו יגן עלינו**

## מנהג:

מנהג
טעמו
ומקורו

חסידישע רבי'ס, און אנשי מעשה נוצן א טלית בייטל געמאכט פון פעל - עור עגל.

**טעמו:** ווערט געברענגט אין ספר שערי שלום, אז די כיס התפילין פון עור עגל, איז א דערמאנונג אז די תפילין איז מכפר אויף די חטא העגל

**אגב** אין שו"ע הרב (סימן כה ב.) שטייט אז מען זאל לייגען דעם טלית אין דעם בייטל אויף די תפילין כדאי מען זאל טרעפן די טלית ערשט, ווייל דער טלית איז תדיר אפי' שבת ויו"ט.

פאר הערות רופט: 347.603.0383 • צו באקומען דעם גליון וועכענטליך, שיקט אן אימעיל צו: toirasyoel@gmail.com